בעזהשי"ת

קונטרס

# טעם זקנים

שיחות התחזקות בעבודת השם
ע"ד הסלולה של
רביה"ק **מוהר"ן מברסלב** זי"ע
מאת הרה"ח ר' **לוי יצחק בענדער** ז"ל

מתובל בסיפורי עובדות
מאנ"ש מדורות הקודמים

קונטרס
ע"ט

מכון
טעם זקנים
שיחותיו של
רבי לוי יצחק בנדר ז"ל

# תוכן השיעור

ווען מען וואלט נישט געקריגט אויפן רבי'ן...
הגאון ר' אברהם אלי' מייזעס ז"ל
'וסיב ובלה בה ומינה לא תזוע'
מכף רגל ועד ראש
אזוי האט געזאגט דער 'נחל נובע מקור חכמה'
מיין גוטס זאל נישט זיין פון אים פארמיטן
העיקר להסתכל על עצמו
יסוד הפשוט
'התבודדות' - אויף זיך! נישט אויף יענעם!
חטאו בראש, לקו בראש ומתנחמין בראש!
מה שקוראים פרשת דברים בשבת חזון
עיקר החיות והתקוה מכל הצרות
ראו כי ה' נתן לכם את השבת
ואזניהם הכבידו משמוע
חטאו בעין ולקו בעין ומתנחמין בעין
חטאו בפה...
שבת נחמו

להאזנה אל כל השיחות שי"ל על ידינו:

**079-5281887**

ארה"ב: **1-646-585-2960** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

אירופה: **033-03900485** ואח"כ להקיש את המס' הנ"ל

לשמיעת השיעור המצו"ב יש להקיש #2 ואח"כ #79

©

כל הזכויות שמורות

הערות והארות מתקבלות בחפץ לב, נא להתקשר אל:

יוסף מענדל האס, מאנסי ארה"ב

**1-845-200-0443**(מארה"ק: 072-257-3456)

לקבלת הקונטרס וכן ההקלטה (MP3) של השיעור, יש לפנות דרך האימייל:

**Rlyb148@gmail.com**

כמו כן ניתן לקבל את הקונטרסים דרך הדואר (בכל שבועיים) במחיר חודשי של $15 עבור הוצאות עריכת הקונטרסים, נא לפנות אל מס' 347-232-7166 (+1)

# פרשת דברים (ח"א), תשל"ה

(טייפ מס' 91#)

## ווען מען וואלט נישט געקריגט אויפן רבי'ן...

(משוחח סביב התורה לבין המצרים - 'בראשית לעיני כל ישראל' בליקוטי תניינא סי' ס"ז)

**דער 'יופי' און דער 'פאר' פון די גאנצע וועלט איז נעלם. ער איז דער 'יופי' און ער איז דער 'פאר' און דער 'חן' פון די גאנצע וועלט[א].**

**פארוואס וויל א מענטש 'הבל היופי'? פארוואס וויל ער אנדערע יופי'ס? אז ער פילט נישט קיין העכערע סארט שיינקייט ליגט ער אין 'הבל היופי'! ליגט ער אין נארישקייט! אז ער פילט נישט קיין אמת'ן חן - קיין חן אמת, נעמט ער דעם חן של שקר.**

**"אבער 'דער' צדיק - ער איז דער 'יופי' און דער 'פאר' און דער 'חן' פון די גאנצע וועלט"! און דער וואס ווערט נכלל אין אים - איז ער טאקע נכלל - איז ער שוין ווייט פון 'הבל היופי' - ווייל ער האט דאך אזא מין סארט שיינקייט, ער איז ווייט פון חן של שקר; ווייל ער האט דאך אזא מין סארט 'חן אמת' פונעם אמת'ן צדיק.**

**און דער צדיק - אז ער איז נישט נעלם, גייט אריין זיין חן אין דער גאנצער וועלט.**

**רבי נתן האט געזאגט טאקע: 'ווען מען וואלט ווען נישט קריגן אויפן רבי'ן, וואלט דער רבי מקרב געווען די גאנצע וועלט צום אויבערשטן!'[ב]**

---

[א] **עיי"ש בהתורה בפנים מש"ש וז"ל: וזה בחינת ההעלמה, שנתעלם היופי והפאר של כל העולם. כי יש צדיק, שהוא היופי והפאר והחן של כל העולם כולו, בבחינת** (בראשית ל"ט): **"ויהי יוסף יפה תואר ויפה מראה", בחינת** (תהלים מ"ח): **"יפה נוף משוש כל הארץ"** (ועין זוהר ויגש רו:).

[ב] **עי' בליקו"ה שבת ה"ה, אות ט': ואם זה הצדיק האמת שבכל דור היה נתגלה בעולם. וכל העולם היו מקורבים אליו באמת היה העולם כבר מתוקן כי זה הצדיק יש לו כח לתקן כל העולם אם לא היו מעלימין ומסתירין אותו!... כי בכל דור מוכנת הגאולה לבא על ידי הראש בית הזה שהוא בחינת משה משיח שהוא הצדיק האמת הגדול במעלה שבכל דור, אך עיקר העיכוב הוא על ידי המחלוקת העצום הזה. גם עי' חיי מוהר"ן קט"ו: ולולא שהתגבר הקטרוג על העולם**

אז דער 'חן' און דער 'יופי', דער 'פאר' - גייט אריין אין די וועלט אריין, ממילא נעמט זיך איבער די וועלט מיט א חן אמת - מיט א יופי אמת - מיט דעם אמת'ן 'פאר', ממילא ווערט בטל די אלע הבל היופי - ווערט טאקע 'שקר החן והבל היופי'!

אז 'אשה יראת השם היא תתהלל' - דאס איז די שכינה הקדושה! - אז זי ווערט געלויבט - ווערט בטל דער 'שקר החן והבל היופי', און עס איז דא נאר א חן אמת!

(אומר תוכן לשון התורה)

**"און דער צדיק אמיתי, ער איז בחינת יוסף, ער איז דער הידור און דער יופי של כל העולם!"**

**"און אז דער יופי, אז דער פאר, ווערט נתגלה אין דער וועלט, דהיינו דער צדיק וואס איז דער יופי של כל העולם, נתפרסם ונתגדל בעולם, אזי ווערן געעפנט די אויגן פון די וועלט"[ג]**

עס איז נאך היינט אויך דא! א יונגערמאן א ירא שמים, א גרויסער ירא שמים, א ליטוואק - און רח"ל, ער האט דערמאנט דעם בעל שם הקדוש, רח"ל, א געוואלד, א געוואלד - מיט אזא מין התנגדות, נאך היינט (כיום) - יא, אזוי ממש - אז נאר הערן דארף מען זיך רייסן קריעה - א ירא שמים א למדן א גרויסער, אן אפגעהיטענער יונגערמאן.

❖

# הגאון ר' אברהם אלי' מייזעס ז"ל

(מדבר אודות הגאון ר' אברהם אלי' מייזעס ז"ל שזכה להסתופף למשך זמן מסויים בין אנ"ש באומאן)

ער איז געווען ביי אונז - אין קרימענטשוק האט ער געוואוינט, ער איז געווען א ערליכער. ער פלעגט זיך פארשליסן בהתבודדות פון ערב ראש חודש אלול ביז נאך

---

עד שלא היה העולם כדאי לינק מאור כזה ועמד וגנזו, היה נתגלה גדולתו בעולם והיה מחזיר כל העולם אליו יתברך. כי זה היה כל מגמתו תמיד כל ימי חייו, ובזה עסק תמיד לזכות הרבים ולהוציאם מחשך לאור, מאפלה לאור גדול!

[ג] שם: כי זה הצדיק האמיתי שהוא בחינת יוסף, הוא ההידור והיופי של כל העולם, וכשזה היופי והפאר נתגלה בעולם, דהינו כשזה הצדיק, שהוא היופי של כל העולם, נתפרסם ונתגדל בעולם, אזי נפתחין העינים של העולם. שכל מי שנכלל בזה החן האמת של זה הצדיק, שהוא החן והיופי של העולם, דהיינו שמתקרב אליו ונכלל בו, נפתחין עיניו ויכול לראות, והעיקר להסתכל על עצמו!...

**יום כיפור - פארשלאסן אויף פערציג טעג! נישט קיין שייכות געהאט מיט די וועלט, דעמאלט איז ער איבערגעגאנגען גאנץ ש"ס - אין די פערציג טעג, געלערנט!**

**הכלל - שוין, צו אונז איז ער געווארן מקורב - אלול. חיים בנימין[ד] האט אים מקרב געווען אין קרימענטשוק. ער איז געקומען צו אונז אינמיטן אלול - איז ער דאך געקומען אינמיטן זיין עבודה - אינמיטן זיין עבודה האט ער נישט איבערגעהאקט.**

**ער איז געגאנגען אויפן ציון עטליכע מאל.**

**דערציילט ער מיר, אז דאס מאל איז עס נישט געווען בסדר ביי מיר די פערציג טעג, 'עס איז נישט געווען בסדר' - אזוי זאגט ער מיר.**

**זאג איך אים: 'איך זאל כאטש האבן פערציג שעה"[ה], זאל מען כאטש ארויסכאפן פערציג שעה וואלט געווען גוט! זאל מען ארויסכאפן יעדן טאג כאטש פערציג מינוט... איר רעדט פון פערציג טעג?!'.**

**נאכדעם - שוין, ער איז שוין געווארן אביסל נענטער צו אונז, האט ער שוין איבערגעהאקט די פערציג טעג, ער האט שוין נישט געמאכט די קונצן פון פערציג טעג.**

**האט ער מיר געזאגט אויף זיי** (איזה חסידות) **- דו ווייסט ווער זיי זענען? 'אז זיי דערמאנען דעם גאון** (מווילנא) **- אפילו דעם 'רי"ש' זאגן זיי נישט אויפן גאון'.**

**זאג איך אים: 'מיר וועלן נישט אזוי זאגן! מיר ווייסן - דער גאון איז געווען א גדול, נאר פונעם בעל שם האט ער נישט געוואוסט! דאס איז צוויי זאכן.** (כי פשוט שעם-כל-זה היה הגאון) **א איד - א צדיק! א צדיק און אזא גאון!'**

**פונעם רבי'ן איז דא: 'א צדיק קען אויך טאן א עוולה"[ו]. דער גאון איז געווען א צדיק, אבער דאס איז געווען אן עוולה וואס ער איז געגאנגען קעגן דעם בעל שם.**

---

[ד] ר' חיים בנימין ב"ר יחזקאל בראד - נולד בפוילן, בגיל 18 התקרב לברסלב ונסע לאומן, מכיון שהגבול נסגר נשאר באומן, היה גר במעזעבוזש. בשנת תשכ"ב הצליח לצאת מרוסיה ולעלות לא"י, ודר בבני ברק. הגה"צ ר' אברהם אליהו מייזעס בהיותו באומן רצה לראות את הנהגת אנ"ש והלך ועקב בחשאי אחריו בעת לכתו להתבודד ואח"כ הפליג במעלתו בפני ר' לוי"צ ואמר: מתבייש אני מפניו.... מאין בא ליהודי בעל מלאכה כמוהו דבורי תפילה אמיתיים וחמים כאלו שהמיסו את לבבי? (שש"ק ה' רס"ו). נלב"ע בא"י כ"א כסלו תשל"א. חתנו - ר' זלמן לייב אסטולין ור' יעקב גלינסקי ז"ל. (גידולי הנחל)

[ה] כלומר כוונתו ארבעים שעות התבודדות - שעה ליום, בארבעים יום מר"ח אלול עד יוה"כ

[ו] ע' שיש"ק (החדש) ח"ג, אות ש"ח: רבינו אמר: **"צוויי זאכן האט די וועלט א טעות: די וועלט זאגט אז א צדיק קען קיין טעות נישט טאן, טוט ער א טעות - ווערט ער אויס צדיק; איך זאג נישט אזוי: א צדיק קען אויך טאן א טעות, און אז ער טוט א טעות - ווערט ער נישט אויס צדיק!"**

ער (ר' אברהם אלי' הנ"ל) איז געוועזן אין אומאן. אז ער איז געקומען אהער (בא"י) איז ער געווארן אביסל דערוויטערט פון אונז. פונדעסטוועגן בין איך אמאל אריינגעקומען צו אים, ער איז געזעצן, ער האט געשריבן - ער פלעגט שרייבן ספרים, בין איך אריינגעקומען צו אים, האב איך מיט אים גערעדט עטליכע ווערטער פונעם רבי'ן, האט ער מיר אזוי געזאגט: "זיבן הונדערט בלעטער פון דעם האט נישט דער ווערד וואס מען רעדט אווארט פונעם רבי'ן!"

זיבן הונדערט בלעטער מיינע וואס איך דרוק אפ - עס איז גארנישט קעגן וואס מען רעדט א ווארט פונעם רבי'ן!

זאגט ער מיר - ער וויל באצאלן געלט, איך זאל דינגען צוויי מענטשן זיי זאל קומען ביינאכט זיי זאלן מיר אויפוועקן מיט געוואלד! ממש שלאגן אים ער זאל אויפשטיין חצות! און ער וויל אפילו צאלן געלט, נאר זיי זאלן שטיין - נישט אפלאזן אים, אראפשלעפן...

ער איז דאך געוועזן אין אומאן אסאך יארן - זיך געוואלגערט ביי אונז![ז]

(השואל: צום קיבוץ איז ער געקומען?) 'ראש השנה' דא? איינמאל האט ער געדאוונט ביי אונז ראש השנה - נאך אין חיי עולם, מען האט אים געבן די תקיעות, האט ער נישט געקענט, ער האט אנגעהויבן בלאזן מיט ספיקות, האט מען צוגענומען אן אנדערן.

❖

## 'וסיב ובלה בה ומינה לא תזוע'

אז מען ווערט מקורב צום רבי'ן - איז די ערשטע זאך - דארף מען ביי זיך פועל'ן אז דאס איז עס! אט דאס איז עס! נישט זיין 'קיין פוסח על שתי הסעיפים'[ח]

אז דער אויבערשטער העלפט טאקע, אז מען זעהט טאקע - איז דאס איז עס!

---

[ז] עי' מה שכתב בספרו 'יורה חכימא' במדור 'התבודדות'. וז"ל אחד מקטעיו שם: "בשעה אחת התבודדות בלילה מתקן יותר משבע מאות שעות שלמד בהם תורה ביום!". נפטר ח"י סיון תשכ"א.

[ח] עי' עלים לתרופה קנ"ט: וְאֵיךְ יַעֲלֶה עַל הַדַּעַת שֶׁאֶצְטָרֵךְ לְחַזֵּק אוֹתְךָ בֶּאֱמוּנָה בְּעִנְיַן עִסְקֵנוּ הַקָּדוֹשׁ וְהַנּוֹרָא וְהַנִּשְׂגָּב מְאֹד, כַּאֲשֶׁר שָׁמַעְתִּי מִפִּיךָ בְּעַצְמְךָ, שֶׁעִקַּר הַמְּנִיעָה שֶׁלֹּא נָסַעְתָּ עַל רֹאשׁ הַשָּׁנָה הוּא מֵחֲמַת חֶסְרוֹן אֱמוּנָה. הַיְאֻמַּן כִּי יְסֻפַּר שֶׁאַחֲרֵי כָּל הַדִּבּוּרִים שֶׁשָּׁמַעְתָּ מִפִּי, וְאַחֲרֵי כָּל מַה שֶּׁרָאִיתָ בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים, וְאַחֲרֵי שֶׁכְּבָר נִתְעוֹרַרְתָּ בְּעַצְמְךָ כַּמָּה פְּעָמִים בְּכַמָּה נְקֻדּוֹת טוֹבוֹת בִּנְעוּרֶיךָ, עֲדַיִן תִּהְיֶה פּוֹסֵחַ עַל שְׁנֵי הַסְּעִפִּים חַס וְשָׁלוֹם?!

רבי נתן שרייבט אלעמאל אין די מכתבים[ט] 'וסיב ובלה בה ומינה לא תזוע' - אט דא! ער האט נישט קיין בעסערן פלאץ - דא! דא זוך - דא גראב, דא גראב מער[י].

עס פעלט דיר? ווייל דו גראבסט נישט! דו גראבסט ווינציג, האסט נישט קיין בעסערער פלאץ, דא איז דיין פלאץ.

אז דער אויבערשטער העלפט אז מען טוט טאקע אזוי, מאכט מען טאקע גוט. אלע וואס האבן געמאכט גוט, איז ווייל זיי האבן געוואוסט אז דאס איז עס, דא איז מיין רפואה.

איך בין נישט אויסגעהיילט? ווייל איך זוך נישט די רפואה!

קיין אנדער פלאץ האב איך נישט וואס צו רעדן, דארטן וועל איך נישט האבן קיין שום רפואה - נאר זוך, גראב און זוך!

❖

דער רבי זאגט אין די תורה[יא] 'צריך כל אדם לרפאות נפשו' - יעדער מענטש דארף אויסהיילן זיין נפש. דאס איז אויך א ידיעה - אז מען ווייסט אז דער נפש איז קראנק.

[מענטשן] אויף דער וועלט - זיי ווייסן נישט פון קיין רפואת הנפש - אז מען דארף אויסהיילן דעם נפש, (הם אומרים:) מען זיצט אביסל און מען לערנט, דאוונט, טוט מצוות, וואספארא נפש? דאס איז אייערע (אויסגעטראפענע) דיבורים, 'אויסהיילן דעם נפש?!'

---

[ט] מוזכר הרבה, ועי' במכתב שע"ד דבריו הנפלאים, וזל"ש: "תְּהִלָּה לָאֵל כְּבָר יֵשׁ בְּיֶדְכֶם כָּל הַסִּפְרֵי קֹדֶשׁ מֵאֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וּמְעַט מִמַּה שֶּׁבֵּאַרְתִּי בָּהֶם בְּחַסְדּוֹ יִתְבָּרַךְ. וְגַם הַתְּפִלּוֹת וְהַשִּׂיחוֹת הַקְּדוֹשׁוֹת וְסִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת, הֲפֹךְ בָּהֶם וַהֲפֹךְ בָּהֶם, וְסִיב וּבְלֵה בָּהֶם, וּמֵהֶם לֹא תָּזוּעַ שֶׁאֵין לְךָ מִדָּה טוֹבָה מֵהֶם! כִּי אֵין שׁוּם דְּבַר עֵצָה בַּעֲבוֹדַת ה' נִמְנָע מִכֶּם, שֶׁלֹּא תוּכְלוּ לִמְצוֹא בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים! כִּי הֵם כֻּלָּם מְלֵאִים עֵצוֹת לְכָל אָדָם שֶׁבָּעוֹלָם, בְּכָל דַּרְגָּא וְדַרְגָּא בְּכָל מִינֵי עֲלִיּוֹת שֶׁבָּעוֹלָם, וּבְכָל מִינֵי יְרִידוֹת שֶׁבָּעוֹלָם! וּכְבָר דִּבַּרְנוּ הַרְבֵּה בָּזֶה...". ושם בהמשך כותב: "וַאֲנִי יוֹדֵעַ וּמַאֲמִין בֶּאֱמֶת שֶׁאֲדוֹנֵנוּ מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ יוֹדֵעַ הֵיטֵב בִּכְלָלִיּוּת וּבִפְרָטִיּוּת כָּל מַה שֶּׁנַּעֲשֶׂה עִם כָּל הַנְּפָשׁוֹת בְּכָל דּוֹר וָדוֹר, מִיּוֹם בְּרֹא אֱלֹקִים אָדָם עַל הָאָרֶץ עַד הֵנָּה, וְעַד הַסּוֹף הָאַחֲרוֹן, וְיוֹדֵעַ כָּל הַקִּלְקוּלִים וְכָל הַתִּקּוּנִים שֶׁל כָּל אֶחָד וְאֶחָד. וְכָל הַיְדִיעוֹת הַלָּלוּ הֵם אֶצְלוֹ דָּבָר קָטָן!!!"

[י] עי' מה שכותב מוהרנ"ת במכתב רנ"ג, וזל"ש: וּכְלַל הַדָּבָר לְךָ וּלְכָל כַּיּוֹצֵא בְּךָ, שֶׁאֵין בְּיָדִי לַהֲשִׁיבְכֶם כְּלָל, רַק כָּל אֶחָד וְאֶחָד כְּפִי מַה שֶּׁיַּחְתֹּר וִיבַקֵּשׁ אַחַר הַבְּאֵרוֹת מַיִם חַיִּים קְדוֹשִׁים הַנַּ"ל, בְּוַדַּאי יִמְצָא בְּאַמְתַּחְתִּי אַמְתַּחַת הֶעָנִי וְהָאֶבְיוֹן הַנִּרְדָּף מְאֹד מְאֹד מִכָּל צַד, אֲשֶׁר מֵחֲמַת זֶה אַמְתַּחְתּוֹ מְלֵאָה עָפָר וּצְרוֹרוֹת וּבְלוֹאֵי הַסְּחָבוֹת אֲשֶׁר מִלְאוּהָ זָרִים לְהַסְתִּיר וּלְהַעְלִים פְּנִינֵי גְּנָזָיו, עִם כָּל זֶה מַיִם רַבִּים לֹא יוּכְלוּ לְכַבּוֹת אֶת הָאַהֲבָה, וּנְהָרוֹת לֹא יִשְׁטְפוּהָ, וְכָל מִינֵי חֹשֶׁךְ וְהַסְתָּרוֹת שֶׁבָּעוֹלָם לֹא יוּכַל לְהַעְלִים אוֹרוֹת מַטְמוֹנֵי אוֹצְרוֹת חַיִּים כָּאֵלֶּה אֲשֶׁר כְּבָר נִתְגַּלָּה מֵהֶם מַה שֶּׁנִּתְגַּלָּה בִּסְפָרָיו הַקְּדוֹשִׁים זַ"ל. וַעֲדַיִן עֲדַיִן אַתֶּם צְרִיכִים יְגִיעוֹת לַחְפֹּר אֶצְלִי הֶעָנִי וְהָאֶבְיוֹן. וּבְוַדַּאי תִּמְצְאוּ אִם תִּתְיַגְּעוּ. וּכְמוֹ שֶׁמְּבֹאָר בְּהַתּוֹרָה תִּקְעוּ אֱמוּנָה (לִקּוּטֵי תִנְיָנָא ה') עַל פָּסוּק "אַף חָכְמָתִי עָמְדָה לִי" - 'חָכְמָה שֶׁבְּאַף' דְּהַיְנוּ בִּיגִיעוֹת 'עָמְדָה לִי'. וְאֵין צְרִיכִים יְגִיעוֹת שֶׁאִי אֶפְשָׁר לְסָבְלָם, רַק "בְּפִיךָ וּבִלְבָבְךָ לַעֲשׂוֹתוֹ".

[יא] ליקו"מ ע"ד

(ר' חיים שלמה ראטענבערג: זיי זאגן - 'איך בין נישט קראנק, איך בין געזונט!') **ביידע זאכן ווייסט ער דורכן רבי'ן; אי ער ווערט געוואר אז ער איז קראנק; אי אז ער קען זיך אויסהיילן.**

א מענטש - אז ער ווייסט נישט אז ער איז קראנק איז נאך ערגער פון אלעם. אז ער ווייסט נישט אז ער איז קראנק וועט ער זיך קיינמאל נישט אויסהיילן. ער קען ארומגיין אלע יארן און מיינען אז ער איז א געזונטער מענטש – און ער איז גאר א קראנקער, ער האט נישט קיין איין גאנצן אבר.

❖

# מכף רגל ועד ראש

רבי נתן רעדט אין די הלכה - אין א הלכה אין הלכות מצרנות הלכה ד', שבת חזון לערנט מען דאס - א הלכה דארטן פון: 'חטאו בעין ולקו בעין, ומתנחמין בעין, חטאו בראש'.

רבי נתן טייטש אריין דעם מדרש - טאקע אויף די תורה (ליקוטי תניינא סימן ס"ז) - '**שבת חזון לערנט מען די הלכה'.**

איז דארטן רעכנט ער אוים: 'חטאו בעין ולקו בעין, חטאו בראש, חטאו באוזן, חטאו באף' - ער רעכנט: 'חטאו'; 'ולקו'; 'ומתנחמין'. און דארטן ברענגט ר' נתן - אז דער צדיק - דער צדיק אמת וואס ער האט קיינמאל נישט פוגם געווען קיין שום חטא - איז דאך 'מכף רגל ועד ראש' איז ער דאך אלץ א גאנצער - קען ער אויסהיילן דעם דאזיגן וואס 'מכף רגל ועד ראש אין בו מתום'[יב].

אזעלכע חולים וואס 'מכף רגל ועד ראש' האט ער נישט אין זיך קיין איין גאנצן אבר, מוז ער דאך האבן אזא מין דאזיגן (צדיק) וואס ער - 'מכף רגל ועד ראש' איז ער גאנץ - (וואס דעריבער) קען ער אויסהיילן אפילו אזא מין חולה אויך!

אז ער (הצדיק) איז קראנק אויף איין אבר וועט ער דאך אויף דעם אבר יענעם נישט אויסהיילן - פעלט דאך יענעם א רפואה, דארף ער זוכן אזא מין צדיק וואס איז אזוי גרוים - ווייל ער איז אזוי צוקלאפט פון קאפ ביז פים.

---

[יב] עיי"ש סוף אות ט'

דאס איז אין די הפטרה פון שבת חזון: 'מכף רגל ועד ראש אין בו מתום' - ער האט נישט אין זיך קיין איין גאנצן אבר - מוז ער האבן אזא מין סארט רבי וואס 'לא טָעם טַעם חטא כל ימיו' וואס 'מכף רגל ועד ראש' האט ער נישט אין זיך קיין שום פגם - איז ער גאנץ! איז ער קען אויסהיילן דעם דאזיגן וואס איז אזוי צוקלאפט.

❖

## אזוי האט געזאגט דער 'נחל נובע מקור חכמה'

דעם ערשטן שבת וואס מען איז זיך צונויף געקומען נאכן רבי'נס הסתלקות צום רבי'ן אויפן ציון - מען איז געווען ערב ראש חודש שבט און מען איז געבליבן אויף שבת - זעכציג מענטשן איז געווען - עפעס אזוי אומגעראכטן, און מען האט זיך געהאלטן צוזאמען, געגעסן צוזאמען.

עס איז געקומען שבת, און תמיד פלעגט דאך זיין - דער רבי האט אנגעהויבן זינגען 'אזמר בשבחין' - און דעמאלט איז דער רבי שוין נישט געווען, זענען אלע געזעצן און קיינער האט נישט געוואלט אנהויבן דעם 'אזמר בשבחין', מען איז געזעצן מיט א בענקאכטס, מיט א דביקות - דער רבי האט דאך אנגעהויבן, ווי קען מען אנהויבן?

האט רבי נתן אנגעהויבן: "אזוי האט געזאגט דער 'נחל נובע מקור חכמה' - 'שלא טעם טעם חטא כל ימיו': 'אזמר בשבחין'... האב איך זיך אנגערופן מיט ר' נפתלי'ן: **'בא בא, בא בא, בא בא, בוי, בא בא'**".

דער קול פון רבי'ן איז געווען שוין[ג] - 'דער רבי האט אנגעהויבן: 'אזמר בשבחין למיעל גוי פתחין', האב איך זיך אנגערופן מיט ר' נפתלין: 'בא בא, בא בא, בא בא בוי'.

(ר' נחמן בורשטיין: נישט דבחקל תפוחין [אמרו]?) ניין! - די ווערטער האט דער רבי געזאגט! אז דער רבי האט נישט געקענט אויספירן - האבן זיי אונטערגעהאלפן (תנועת הניגון).

---

[ג] עי' טעם זקנים קו' י"ד: (השואל; דער רבי האט געזאגט און זיי האבן געענטפערט?) יא, דאס איז שוין געוועןביים סוף נאך לעמבערג, דער רבי האט נישט געקענט אזוי כאפן דעם אטעם, האט דער רבי אנגעהויבן זאגן (מנגן, בתנועה העליונה שמזמרין היום על 'ימינא ושמאלא' 'רשימין וסתימין'); 'אזמר בשבחין למיעל גוי פתחין' (והמשיכו ר' נתן ור' נפתלי את התנועה בלי התיבות); 'בא בא, בא בא'. זיי האבן איבערגעהאקט, האט דער רבי ווייטער אנגעהויבן ווייטער, האבן זיי אונטערגעהאלפן אביסל, דער רבי האט נישט געקענט ציהען לאנג אזוי דעם (אטעם).

שוין, דערנאך האבן שוין אלע אנגעהויבן צו זינגען אינגאנצן! דער עיקר איז דער אנהויב!

דער אנהויב האט רבי נתן אנגעהויבן - האט ער אנגעהויבן מיט די הקדמה: 'אזוי האט געזאגט דער נחל נובע מקור חכמה שלא טעם טעם חטא כל ימיו' (וכו' כנ"ל).

(רנ"ב: געזאגט אדער געזונגען?) געזונגען, געזאגט.

(ר' משה בינענשטאק: פארוואס האבן נישט אנדערע תלמידים אנגעהויבן?) דו פרעגסט 'פארוואס'? עס איז געווען א פחד!

דאס האט געזאגט ר' זלמן דער רב (פון מעדוועדיווקע): "דער רבי האט געזאגט: 'וואס מיר פארמאגן – אקדמות מיטן ניגון!' און מיר זאגן: 'וואס מיר פארמאגן – 'אזמר בשבחין' מיט דעם אר"י הקדוש'ס ווערטער, מיט דעם רבי'נס נגינה!'"

ר' זלמן דער רב - מעדוועדיווקער רב - ר' יודל'ס אן אייניקל - ר' ישעי' שלום'ס א זון.

ר' נפתלי האט געזאגט, אז ער האט געהערט דעם רבי'ן זינגען 'אזמר בשבחין', האט ער אזא מין דביקות געפילט אינעם רבי'ן - אז ער האט זיך פארבונדן דעם קאפ - די קאפ זאל נישט גערירט ווערן!'.

(רמ"ב: אויף דער ערשטער שבת ביים רבי'ן?) יא!

אזא מין דביקות האט ער געפילט אינעם רבי'ן - אז ער האט זיך פארבונדן דעם קאפ ער זאל קענען אויסהאלטן, די קאפ זאל נישט ווערן גערירט - ער זאל נישט אראפ פון די געדאנקען[ד].

❖

[ד] עי' חיי מוהר"ן תק"כ: ומי שלא שמע אותו כשהיה מזמר בשבת אזמר בשבחין בליל שבת ואסדר לסעודתא בבוקר וכן שאר הזמירות כל מקדש ומנוחה ושמחה וכו' לא שמע טוב מעולם, אשרי אוזן שמעה זאת, ואשרי מי שישמע זאת לעתיד בעולם הבא! גם עי' בשיחות הר"ן קס"ט: ועיניו היו מאירות כשמש וכירח ממש. בפרט בשבת קודש היו עיניו מאירות מאד מאד, ופניו היו מאירות ומאדימות מאד בשבת קודש. ומי שלא ראה עוצם קדושתו ורשפי שלהבת דבקותו בשבת קודש, וסדר הקידוש שלו בליל שבת עם סדר השולחן, והניגון שהיה מזמר אתקינו סעודתא אזמר בשבחין, ואיך שהיה מזמר שאר הזמירות כל מקדש, מנוחה ושמחה, ואשת חיל, ומעין עולם הבא, ומי שלא ראה זאת, לא ראה טוב מעולם. וכל מי שעמד אז באותו מעמד היה מעיד שלא יהיה נראה כזאת עד שיבוא משיח צדקנו!

# מיין גוטס זאל נישט זיין פון אים פארמיטן

די גאנצע התקרבות צום רבי'ן איז נאר - אז דער אויבערשטער העלפט אז די הרגשה איז א שטיקעלע הרגשה אין דער התקרבות - איז גארנישט דא וואס צו רעדן - גארנישט אפצושאצן!

ער ווייסט שוין אז אינגאנצן זיין רפואה איז דא, אינגאנצן זיין תיקון איז דא, און דא דארף ער זוכן, דא דארף ער גראבן.

טאמער פעלט עפעס - נישט דערפאר ווייל ער דארף אן אנדער פלאץ - נאר ווייל ער זוכט נישט דא! ער דארף דא מער זוכן.

אז דער אויבערשטער העלפט אז עס איז דא די שטיקלע הרגשה (- אזי זהו ענין אחר לגמרי). אז איינער איז קראנק און גייט אריין אין שפיטאל אריין און ער נעמט א גרויסן דאקטער - דאן אז ער ווייסט אז דער דאקטער קען אים עפעס העלפן איז עס א אנדער אריינגיין, א אנדערע רפואה, א אנדערע זאך.

אז דער אויבערשטער העלפט אז ער האט די הרגשה, ער ווייסט אז 'דאס איז דער צדיק', ער קען מיך אויסהיילן, ער קען מיך אויסהיילן פון אלע מיינע מכות, נאר וואס דען? איך דארף אריין אין שפיטאל!

אז איינער וועט זאגן - ער וויל נישט אריין אין שפיטאל אריין, אדער איז ער אין שפיטאל - און ער וויל נישט פאלגן דעם רופא, איז דאך נישט דער חסרון אין דעם רופא, דער חסרון איז דאך אין אים אליין.

אט דאס הייסט התקרבות - אזוי ווי עס האט געזאגט דעם ארעמאנ'ס ווייב:[טו] וואס איר ווילט (קענט איר) צונעמען פון מיר אינגאנצן - אויב איך האב עפעס א מזל - און בלייבן אזוי ווי פריער.

---

[טו] במעשה של הבערגיר ועני - בסיפו"מ מעשה י': הָאט זִי גְעזֶעהְן דָאס מְסִירַת נֶפֶשׁ וָואס עֶר הָאט פוּן אִירֶעט וֶועגְין, אוּן דִי צָרוֹת וָואס עֶר לַיידט אִיבֶּער אִיר – הָאט זִי גְעשְׁווֹאוֹרִין בַּיי גָאט אַז גָאר אִיר מַזְל וָואס זִי הָאט – אֶפְשֶׁר הָאט זִי עֶפֶּעס אַ מַזְל אַז זִי זָאל הָאבִּין גְרוֹיס גְדוּלָה אוּן הַצְלָחָה – זָאל גָאר אִיר הַצְלָחָה נִיט זַיין פַּארְמִיטְן פוּן אִים (דְהַיינוּ פוּן דֶעם בֶּערְגֶער) אוּן אַז עֶר וֶועט וֶועלִין זִיךְ נֶעמֶען גָאר אִיר הַצְלָחָה מִיט אִיר גְדוּלָה אוּן זִי זָאל בְּלַייבִּין אַזוֹי וִוי פְּרִיעַר, זָאל עֶס פוּן אִים גָאר נִיט פַּארְמִיטְן זַיין!

זי האט אזוי געזעהן דאס מסירות נפש וואס דער בערגער האט געהאט צו איר אין די אלע זיבן וואסערן - האט זי גענומען פאר עדות די וואסערן: 'גאר מיין גוטס זאל נישט זיין פון אים פארמיטן'! אז ער וועט וועלן צונעמען מיין גוטס און איך בלייב איבער ווי פריער - באשטיי איך!'

- דאס הייסט התקרבות!

דער רבי האט געשריבן דעם בריוו[טז] ווען ער איז געווען אין זאסלאב: 'געדענקט ווי אזוי איך האב אייך געטראפן; איך האב אייך ארויסגענומען משיני הס"מ. אז דער אויבערשטער וועט מיר העלפן וועל איך העלפן ווייטער!'

דאס איז דער עיקר התקרבות - דער מענטש זאל וויסן ביי זיך דעם שינוי וואס ער האט דורכן רבי'ן, און די רפואה בשלימות וואס ער קען האבן דורכן רבי'ן, נאר וואס דען? גיי אריין! גיי אריין - הֵייל זיך! הֵייל זיך! 'הֵיילן זיך' - איז נאר מיט די רפואות!

אוודאי חברים איז א געוואלדיגע זאך - האבן א שייכות מיט חברים, אבער חברים נאר אויף צו רעדן פון תכלית! אנדערע נארישקייטן, דאס איז גארנישט.

❖

## העיקר להסתכל על עצמו

(רלוי"צ ממשיך ללמוד תוכן התורה הנ"ל)

**'און אז דער 'יופי', אז דער 'פאר', ווערט נתגלה אין דער וועלט. דער צדיק - וואס ער איז דער יופי פון דער גאנצער וועלט - ווערט 'נתפרסם ונתגדל בעולם, אזי - ווערן געעפענט די אויגן פון די וועלט! ווייל יעדער איינער וואס ווערט 'נכלל'**

---

[טז] עי' עלים לתרופה מכתבי מוהר"ן, א', מש"ש רבינו: "...און נישט צו פארגעסן די טובות וואס איך האב אייך איטליכען גיטאהן ביז אהער. און אפשר אז השם יתברך וועט מיר געבין (רפואה), קאנט איר נאך מקבל זיין טובות פון מיר. אהובי אחי ורעי, איך בעט זייער צו בעטין בעד נפשי העלובה, בכונת הלב צו בעטין, דערמאנט אייך איטליכער ווי אזוי איך האב אייך געפונען אז איך בין גיקומען קיין ברסלב, און וויפיל כחות ברוחניות וגשמיות איך האב אויסגיבראכט ארום אייך. איז דער ישר אז איר זאלט היינט פאר מיר אויך בעטין השם יתברך, אז השם יתברך זאל מיך היילין בהראות ה' לי נעם זיוו". ובמכתב ד' כותב רבינו: בכן שאלתי ובקשתי מכם שלא יהיה לריק יגיעי שיגעתי עם כל אחד ואחד, ושמתי את נפשי בכפי בשביל טובת נפשכם. ה' הצדיק ואני הרשעתי, ומעשי גרמו לי היסורים ומיתת הבנים המסלאים, והמחלקת והקטרוגים. אף על פי כן ידעתי גם ידעתי שגם העסק שעסקתי עמכם להוציא אתכם משני הסמך־מם, על כל אלה עיניו לטש ושניו חרק עלי. ובכן אהובי אחי ורעי חזקו ואמצו ביראת ה' כל אחד ואחד לפי כחו ובחינתו. ולא יהיה לריק יגיעי. ושמרו תורת משה עבד ה' כאשר למדתי אתכם.

**אין דעם חן האמת פון דעם צדיק און ער איז זיך מקרב צו אים - ער ווערט 'נכלל' אין אים'**[יז] -

וואס איז דער לשון 'נכלל'? דאס איז א לשון 'מכל-וכל' - זיך אינגאנצן איבערגעגעבן! ער ווערט אינגאנצן נכלל אין אים.

אזוי ווי רבי נתן האט געזאגט[יח]: **'איך האב אינגאנצן מיין מח אויסגעהוילט - איך האב גארנישט קיין געדאנק; איך הער א ווארט פון רבי'ן - דאס איז מיין געדאנק!'** - דאס הייסט 'כל-וכל', איך ווייס גארנישט! נאר וואס (- שמקבל מהצדיק).

(חוזר לתורה הנ"ל) **אז ער ווערט נכלל אין אים, ווערן אים געעפנט זיינע אויגן** - קען ער זעהן, **און דער עיקר** - זאגט דער רבי - **איז קוקן אויף זיך!**

ביים אנהויב התקרבות - אז מען ווערט מקורב, איז א געוואלדיגע זאך - אז דער עיקר זאל מען קוקן אויף זיך!

דער רבי רעדט ווייטער - עס איז דא דריי הסתכלות'ן: קוקן אויף זיך; און דעם אויבערשטן'ס גרויסקייט; און קוקן אין די וועלט! - קוקן אין די וועלט איז שוין די דריטע הסתכלות.

קוקן אין די וועלט - דאס איז קוקן אויף יענעם! - זאגט דער רבי: **'והעיקר להסתכל על עצמו'** - קוקן אויף זיך!

אים עפנט זיך דאך אויף עפעס א ליכטיקייט, עפעס א חן אמת - א געוויסער אמת, קומט דער יצר הרע (ומסיתו לחשוב על אחרים): 'אה זעהסט, וואס ביסטו אזוי? און דו ביסט אזוי, דו ביסט אזוי נידריג, דו ביסט נאך ווייט פון די ליכטיקייט'[יט].

---

[יז] וז"ל רביז"ל שם בהמשך התורה: ועל כן כשנתגלה זה הצדיק, שהוא החן והיופי של העולם, כל מי שמתקרב ונכלל בזה החן האמת, נפתחין עיניו, ורואה ומסתכל על עצמו, איך הוא אוחז בכל המידות, שנמשכין מארבעה יסודות, שהם נמשכין מהצדיק כנ"ל. וגם יכול לראות ולהסתכל בגדולת השם ולהסתכל בעולם, על ידי שנפתחו עיניו וכו', עיי"ש.

[יח] עי' שיש"ק החדש ח"ב קמ"ז, שאמר מוהרנ"ת: **"בשעת איך בין מקורב געווארן צום רבי'ן, האב איך אינגאנצן מיין מח אויסגעהוילט, איך האב גאר נישט קיין מח; איך האב געהערט א ווארט פונעם רבי'ן - דאס איז מיין מח! נאך א ווארט - האב איך נאך אביסל מח!"**

[יט] עי' ליקו"מ קע"א: "ורבים מישני אדמת עפר יקיצו, אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם (דניאל י"ב). על-ידי שנתעורר שכל חדש בעבודת ה' מה שלא היה נודע עד עתה, על-ידי- זה "רבים מישני אדמת עפר יקיצו", אך "אלה לחיי עולם ואלה לחרפות ולדראון עולם", כי "צדיקים ילכו בם" (הושע י"ד) שעובדין עם זה השכל את השם יתברך, "ופושעים יכשלו בם", שאינם עובדין בזה את השם יתברך, רק שעל-ידי-זה הם מבזין ומחרפין את העולם, על שהם יודעין מזה השכל החדש, והעולם אינם יודעין מזה, וכמו ששמעתי: 'לחרפות ולדראון עולם' - היינו לחרף ולבזות העולם, כי אינם משתמשין עם זה השכל החדש, רק לבזות ולחרף העולם,על-ידי שהם יודעים מזה והעולם הם ריקים וחסרים מזה!".

דער בעל דבר האט אסאך וועגן - אפילו אז מען ווערט מקורב שוין. דאס ערשטע זאך איז ביי אים - אז ער זאל נאר קוקן אויף יענעם; 'דער טויג נישט, דער טויג נישט, דער האט אין זיך דעם חסרון' - דאס איז דער ערשטער קלאפ וואס דערמיט הערט ער אויף צו קוקן אויף זיך.

די משנה זאגט[כ]: 'אם אין אני לי מי לי?!' אז איך וועל נישט קוקן אויף זיך, ווער וועט קוקן אויף מיר? ווער וועט מיר אינזינען האבן? אפילו דער צדיק קען אים נאר אינזינען האבן נאר אז ער קוקט אויף זיך.

דער רבי רעדט אין די תורה[כא] פון 'ארץ אכלת יושביה', אז ער וויל ווערן מקורב, ער וויל דארטן ארויס פון די תאוות - דעמאלט ווערט ער נתהפך למהות הצדיק - דער צדיק העלפט אים – אז נישט, דער צדיק מֵקִיא'ט אים אויס[כב].

דער מענטש ווערט מקורב און ער האט אינזינען יענעם!? און ווער האט דיך אינזינען?! אז דו וועסט אינזינען האבן יענעם ווער וועט דיר אינזינען האבן?! 'אם אין אני לי מי לי'? ווער וועט מיר אינזינען האבן?

דאס איז א געוואלדיגער געווינס פונעם יצר הרע. אז ער לייגט אין אים אריין דעם געדאנק האט ער אים כמעט געוואונען - ער וועט שוין נישט אינזינען האבן זיך, און אז ער וועט נישט אינזינען האבן זיך וועט ער קיינמאל נישט האבן א רפואה.

דאס איז א געוואלדיגע בקיאות - א מענטש זאל תמיד אינזינען האבן זיך, תמיד אינזינען האבן - 'איך דארף האבן א תיקון!'; איך דארף פאררעכטן מיינע אויגן; איך דארף פאררעכטן מיין מויל; איך דארף פאררעכטן מיינע אויערן. דער מענטש דארף האבן ביי זיך א בדיקה.

---

[כ] אבות פ"א, מי"ד

[כא] ליקו"מ תורה קכ"ט

[כב] ע"פ לשון התורה, וז"ל שם: כשמקרב להצדיק, אף שאינו מקבל ממנו כלל, הוא גם כן טוב מאד. והאמונה לבדה שמאמין בהצדיק, מועיל לעבודת השם יתברך... אך אף על פי כן העיקר תלוי ברצון, אם רצונו חזק מאד להתקרב להשם יתברך ולעבוד אותו, רק שקשה לו לשבר תאוות גופו, אז על ידי התקרבות ואמונת הצדיקים, הוא בחינת אכילה, ונאכל להצדיק, היינו שנתהפך למהותו כנ"ל. אך אם אין רצונו כלל לעבוד את השם, לא יועיל לו שום התקרבות לצדיקים, והוא בחינת מזון שאינו נתהפך לנזון. כגון אם אוכל אכילה שאין הטבע סובלת אותו, אזי אינו מתעכל ואינו מתהפך לנזון, רק הגוף מקיא אותו. כן הוא בחינה זו ממש, כי אינו נאכל כלל להצדיק, אף שמקרב אצלו. כי הצדיק אינו יכול לסבלו, ומקיא אותו. והוא בחינת הכתוב בארץ ישראל (ויקרא י"ח): "כאשר קאה את הגוי", דהיינו שאינה יכולה לסבלו להיות נאכל אצלה שיתהפך למהותה, רק היא מקיאה אותו. ה' יצילנו.

**דאס איז דאך א שמירה - עס איז דאך א בקיאות - א בקי, א שם יב"ק![כג]**

**קוק ארום זיך, זעה וואס פעלט דיר, אויף ווען ווארטסטו - אויף דארטן? דארטן איז נישט דא קיין שום רחמנות, דארטן איז דער אויבערשטער קיין שום ותרן - קוק ארום זיך, זעה - כאפ, כאפ! כל זמן דו ביסט דא - קוק ארום זיך.**

**און אז מען האט חברים – אין איינעם - מען איז זיך מחזק, דאס איז אוודאי אויך א גרויסע הילף צום רבי'נס זאך!**

**און אויך דאס אייגענע; האט מען א חבר - זאל מען אים אויסנוצן אויף וואס מען דארף! היינט מיט די מעשה'ס, מיט די נייעס'ן - מען קומט זיך צונויף - און פון דער עיקר רעדט מען גארנישט. ווען מען קומט זיך צונויף דארף מען אויך האבן גרויס רחמים מען זאל נישט אויסנוצן די צייט אויף נארישקייטן.**

**'כמה עלמין אתהפיכו' - טאקע אין דער תפילה[כד] פון 'כמה עלמין אתהפיכו' ביז עס איז ארוים דער צדיק - דאס אייגענע** (איז מיט) **חברים; עס קומען זיך צונויף חברים - דער אויבערשטער איז מסבב סיבות אויף סיבות עס זאלן זיך צונויף קומען די חברים - און מען קומט זיך צונויף – און מען נוצט עס אוים פאר נארישקייטן, איז דאך נישט אויסגעפירט געווארן די כוונה עליונה וואס צוליב דעם איז מען זיך צונויף געקומען!**

❖

# יסוד הפשוט

**דער צדיק האמת איז דער יסוד הפשוט פון אים נעמען זיך אלע ד' יסודות. ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן -**

[כג] עי' ליקו"מ תורה ו'

[כד] בתפילה המיוסד על תורה זו - בליקו"ת חלק שני, תפילה ל"ג: וְכַמָּה עַלְמִין אִתְהֲפִיכוּ בְּגִינֵיהוּ, וְכַמָּה נִסִּים וְנִפְלָאוֹת בְּלִי שִׁעוּר וָעֵרֶךְ עָשִׂיתָ עַד אֲשֶׁר הֵבֵאתָ לָעוֹלָם אוֹרוֹת כָּאֵלֶּה, צַדִּיקִים קְדוֹשִׁים כָּאֵלֶּה... וְהָיִיתָ עִמָּהֶם כָּל יְמֵי חַיֵּיהֶם הַקְּדוֹשִׁים... עַד אֲשֶׁר פָּעֲלוּ וְעָשׂוּ וְהִתְחִילוּ וְגָמְרוּ וְהִפְלִיאוּ לַעֲשׂוֹת תִּקּוּנִים חֲדָשִׁים נִפְלָאִים וְנוֹרָאִים בְּכָל הָעוֹלָמוֹת מֵרֹאשׁ וְעַד סוֹף, וְתִקְּנוּ נְפָשׁוֹת רַבּוֹת בְּלִי שִׁעוּר, נַפְשׁוֹת הַחַיִּים וְהַמֵּתִים, כַּאֲשֶׁר אַתָּה יָדַעְתָּ אֶת כָּל הַתִּקּוּנִים וְהַשַּׁעֲשׁוּעִים שֶׁקִּבַּלְתָּ מֵהַצַּדִּיקִים שֶׁהָיוּ בַּדּוֹרוֹת הָאֵלֶּה, מִיּוֹם שֶׁנִּתְגַּלָּה אוֹר הַגָּנוּז, אוֹר יִשְׂרָאֵל וּקְדוֹשׁוֹ, רַב רַבָּנָן, אִישׁ אֱלֹהִים נוֹרָא מְאֹד, מוֹרֵנוּ וְרַבֵּנוּ הָרַב 'רַבִּי יִשְׂרָאֵל בַּעַל־שֵׁם־טוֹב' זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה... וְהִשְׁאִיר אַחֲרָיו בְּ'רָכָה נֶ'טַע שַׁ'עֲשׁוּעָיו זֶרַע קֹדֶשׁ מַצַּבְתּוֹ, יוֹצְאֵי חֲלָצָיו הַקְּדוֹשִׁים הַיְקָרִים מִפָּז וּפְנִינִים וְכָל חֲפָצִים לֹא יִשְׁווּ בָהֶם...

'נהר' - קומט אוים פון דארטן, איז א מין ליכטיקייט. נהר איז טייטש - א טייך; און א מין ליכטיקייט - א ליכטיגקייט אויף דער וועלט![כה] א מין אור גייט ארוים - ווערט אזא יסוד הפשוט, פון דארטן ווערט ארבעה ראשים, די פיר יסודות.

פון דעם עדן גייט ארוים א יסוד הפשוט, דאס איז דער צדיק, דער צדיק יסוד עולם, ער איז דער יסוד, פון אים ווערט שוין צושפרייט - ווערט ארבעה ראשים[כו].

און נהר איז א טייך, א טייך ציהט זיך - דער אור דארף זיך טאקע ציהען. עס גייט ארוים א ליכטיקייט, און עס האט א המשכה, עס ציהט זיך - פונעם עדן גייט ארוים א לעכטיקייט.

טאקע 'עדן' - עדן "עין לא ראתה!"[כז]

- פון דארטן ווערט ארבעה ראשים, ווערט פיר יסודות. און ווער עס ווערט צו אים מקורב איז ראוי אז ער זאל זעהן וואו האלט איך אין די מידות, ער זאל קוקן אויף זיך! פארוואס? ווייל די פיר יסודות מיינע נעמען זיך פון דעם יסוד הפשוט און איך בין נאנט צו דעם יסוד הפשוט, איז ראוי איך זאל זעהן אויף זיך וואו האלט איך אין די מידות.

אויב ער איז נישט מקורב צו דעם יסוד הפשוט, זעהט ער נישט. כאטש ער נעמט זיך פון דעם יסוד הפשוט - אבער ער זעהט נישט. ער איז גאר א חולק אויף דעם יסוד הפשוט, אויף דעם צדיק יסוד עולם.

---

[כה] עי' רמב"ן בראשית מא, א: "כי יאור ונהר לשון אחד, ושניהם לשון אורה - וכן הגשם נקרא אור, שנאמר (איוב לו ל) הן פרש עליו אורו, יפיץ ענן אורו (שם לז יא), וכמו שאמר רבי יוחנן (ב"ר כו ז) כל אורה האמורה באליהוא בירידת גשמים הכתוב מדבר ואולי בעבור שהגשמים בסיבת המאורות, והנהרות יעשו מהם יתיחסו אל האבות". גם עי' רבנו בחיי על בראשית ב, ט: "ונהר מלשון תרגום אור נהורא, והוא האור הבא מאין סוף, זהו שפירש מעדן שפירושו מסרת עד שאין משם ואילך גבול והשגה שיאמר בו עד מקום פלוני".

[כו] שם בהמשך התורה הנ"ל: "וכמבואר לעיל (בסימן סו), שעל ידי שמתקרב לצדיק אמיתי, שהוא בחינת (משלי י): "צדיק יסוד עולם", בחינת יסוד הפשוט, שממנו נמשכין כל הארבעה יסודות, בבחינת (בראשית ב): "ונהר יוצא מעדן להשקות את הגן, ומשם יפרד והיה לארבעה ראשים"; 'נהר יוצא מעדן' - זה בחינת: 'צדיק יסוד עולם', שהוא בחינת יסוד הפשוט, אשר "משם יפרד והיה לארבעה ראשים" - היינו בחינת הארבעה יסודות, שנמשכין מן הצדיק כנ"ל. וכשמתקרב אליו, על ידי זה ראוי לו להסתכל בעצמו על כל המדות, איך הוא אוחז בהם. כי כל המדות נמשכין מן הארבעה יסודות, כידוע (עין בלקו"א סי' ד' אות ה'.), והארבעה יסודות נמשכין מן הצדיק כנ"ל, ועל כן כשנתגלה זה הצדיק, שהוא החן והיופי של העולם, כל מי שמתקרב ונכלל בזה החן האמת, נפתחין עיניו, ורואה ומסתכל על עצמו, איך הוא אוחז בכל המדות, שנמשכין מארבעה יסודות, שהם נמשכין מהצדיק כנ"ל. וגם יכול לראות ולהסתכל בגדולת השם ולהסתכל בעולם, על ידי שנפתחו עיניו על ידי התגלות הפאר של הצדיק האמת כנ"ל".

[כז] גמרא ברכות לד:

דאס איז א געוואלדיגע זאך, דאס איז דער צדיק! ער איז דער יסוד פון דער וועלט!

עם איז א פסוק אין משלי[כח]: 'צדיק יסוד עולם'! ער איז דער יסוד פון דער וועלט! די גאנצע וועלט האט א קיום אין זיין זכות, און פון דעם יסוד ווערט ארבעה יסודות.

און יעדער איינער האט דאך ארבעה יסודות - דאס נעמט זיך אלץ פון דעם יסוד הפשוט, איז ראוי ער זאל קוקן אויף זיך – וואו האלט איך אין די מידות, וואו האלט איך אין די יסודות!

און דאס - זאגט דער רבי - דאס איז די ערשטע הסתכלות - קוקן אויף זיך.

נאך דעם - זאגט דער רבי - זאל ער זעהן דעם אויבערשטן'ס גרויסקייט.

דאס איז אויך דאס אייגענע - א מענטש אז ער קוקט נישט אויף זיך קען ער גארנישט זעהן דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט אויך - עס איז אים איבעראל קשה קשיות, אבער אז ער זעהט אויף זיך 'וואו איך האלט' - איז אים גארנישט קשה - 'דער אויבערשטער איז גערעכט!'

אז איך לאז זיך נארן, איך קוק נישט אויף זיך, מיין איך - איך בין עפעס, אבער אז מען קוקט אויף זיך, מען זעהט וואו מען האלט, קען מען נאכדעם זעהן דעם אויבערשטנ'ס גרויסקייט, עס איז אים נישט קשה קיין שום קשיות, אלעס וואס דער אויבערשטער טוט איז מיט גרוים רחמים - 'כמוך, אני ה''![כט]

"אז עס ווערט נתגלה דער צדיק וואס ער איז דער חן דער יופי פון דער וועלט, כל מי שמתקרב ווערט ער נכלל אין דעם חן האמת, ווערן אים געעפנט זיינע אויגן, און ער זעהט און קוקט אויף זיך וואו האלט ער אין די מידות וואס עס נעמט זיך פון די ד' יסודות.

וגם - זאגט דער רבי - קען ער זעהן בגדולת השם, און ער קען קוקן אין דער וועלט.

---

[כח] משלי י, כה

[כט] ע"פ ליקוטי מוהר"ן קס"ה: "ואהבת לרעך כמוך אני ה'" (ויקרא י"ט) הינו שתקבל באהבה, כל הרעות והיסורין הבאים עליך, כי ראוי שתדע, שלפי מעשיך אחר כל היסורים והרעות שיש לך, עדיין הוא מתנהג עמך ברחמים, כי היה מגיע לך יותר ויותר, חס ושלום, לפי מעשיך וזהו "ואהבת לרעך", שתאהב הרע שבא לך, הינו הרעות והיסורין הבאים עליך, חס ושלום, תקבלם באהבה, כי כמוך כמו שאתה הוא, היינו לפי מעשיך, "אני ה'", בעל הרחמים, עדיין אני מתנהג עמך ברחמים כנ"ל.

די דריטע הסתכלות איז - די וועלט! דעמאלט קען ער שוין קוקן אין דער וועלט אויכעט! אלע צדיקים וואס זענען געווארן - האבן אנגעהויבן ביי זיך, זיי האבן גוט ארייגעקוקט אין זיך.

❖

## 'התבודדות' - אויף זיך! נישט אויף יענעם!

דער רבי, אין די תורה נ"ו - פון מלכות - כאפט דער רבי אן 'שורר בביתו'[ל]. 'שורר בביתו' - מיינט פשוט דער גאנצער גוף. ער איז דאך א מלך, ער האט דאך זעקס הונדערט און דרייצן אברים מיט גידין - ער איז דער מלך איבער זיי. ער איז א מלך איבער די אויגן, ער איז א מלך איבער אלעס, א שורר בביתו, די שררה האט ער ממילא באקומען, אבער אז ער איז נישט א שורר אויף זיך, דאס הייסט א מלכות?!

דא זאגט דער רבי אויך אזוי - דאס ערשטע דארף מען קוקן אויף זיך, קוקן אויף זיך וואו האלט איך אין די מידות וואס עס נעמט זיך פון די ד' יסודות וואס נעמט זיך פון די יסוד הפשוט, און נאך דעם קען ער זעהן גדולת השם, און נאך דעם קען ער קוקן אין די וועלט.

קומט דער בעל דבר - איינער הויבט אן ווערן מקורב - הויבט ער אן שוין קוקן אויף יענעם - דער טויג נישט, און דער טויג נישט - אז ער קוקט אויף יענעם וועט ער אויף זיך נישט קוקן.

ביידע ווייטער קען אויך נישט זיין; אי קוקן אויף יענעם – אי קוקן אויף זיך - ניין, ניין, אז מען קוקט אויף יענעם קען מען נישט קוקן אויף זיך.

סיידן דער צדיק - ער איז שוין אויסגעארבעט, ער האט שוין גוט ארומגעקוקט זיך, ער ווייסט אז ער איז גאנץ אומעטום - קען ער קוקן אויף יענעם אויך.

און אויב אפילו מען זעהט יא ביי יענעם מאכן אן עוולה קעגן די תורה, איז אויך נישט אזוי; אז מען דארף יענעם זאגן - דארף מען אויך בעטן דעם אויבערשטן ווי אזוי

---

[ל] וזל"ש: כי יש בכל אחד מישראל בחינת מלכות, וכל אחד לפי בחינתו, כן יש לו בחינות מלכות. יש שהוא שורר בביתו, ויש שהוא מושל ביותר, וכן יש שהוא מושל על כל העולם, כל אחד לפי בחינת המלכות שיש לו.

מען זאל יענעם זאגן - אז יענער זאל נישט אראפפאלן ביי זיך און אז מען זאל יענעם נישט מבאיש ריח זיין![לא]

עס איז א גאנצער לימוד! און אפשר האב איך א טעות; עס דאכט זיך מיר נאר - און עס איז נישט אזוי. עס איז א געוואלדיגע בקיאות די זאך, עס איז א יסוד פונעם התקרבות.

אזוי ווי דער מענטש וועט אפגעבן דין וחשבון פארוואס ער האט נישט געקוקט אויף זיך, וועט ער אפגעבן דין וחשבון פארוואס ער האט געקוקט אויף יענעם - פארוואס ער האט אויף יענעם יא געקוקט! מען האט דאך דיר נישט געהייסן קוקן אויף יענעם, מען האט דיך געהייסן קוקן אויף זיך, און אויף זיך האסטו נישט געקוקט, און אויף יענעם האסטו יא געקוקט!

עס איז אלץ תלוי אינעם ישוב הדעת, מען זאל זיך מיישב זיין פאר דעם אויבערשטן, 'געוואלד! געוואלד! ווי האב איך צייט צו קוקן אויף יענעם אז איך בין אזוי צוקלאפט!?'.

מען זאגט דאך אין די הפטרה פון שבת חזון: 'מכף רגל ועד ראש אין בו מתום'. 'מכף רגל ועד ראש' - קיין איין גאנצער אבר; 'פצע וחבורה ומכה טריה' - אלץ צוקלאפט און צוקלאפט און צוהאקט, זאל ער מאכן ביי זיך א חשבון, זעהן, האט ער איין גאנצן אבר?! איז ווי האסטו צייט צו קוקן אויף יענעם?!

א חולה מסוכן, ער ליגט אין שפיטאל, וועט ער קוקן וואס יענער איז מער קראנק פון אים?! ער איז רח"ל א חולה, וואס קען ער אינזינען האבן יענעם?!

דאס איז פון דעם בעל דבר'ס עצות - אז מען זאל פארגעסן פון זיך, דאס איז זיין עצה!

דער רבי האט געהייסן האבן התבודדות, און אינעם התבודדות - דארט - תורה כ"ה - דערמאנט נישט דער רבי אז ער זאל קוקן אויף יענעם אויך - אויף זיך אליין!

[לא] עי' ליקו"מ תניינא ח'

תורה כ"ה - אינעם אנדערן חלק (תניינא): "לפרש שיחתו בינו לבין קונו בטענות ואמתלאות בדברי חן וריצוי ופיוס, לבקש ולהתחנן מלפניו יתברך שיקרבו אליו לעבודתו באמת!" און די תפילה זאל זיין בלשון אשכנז.

זאגט ער ווייטער: "הן חרטה ותשובה על העבר, והן בקשת תחנונים לזכות להתקרב אליו יתברך מהיום והלאה באמת, וכיוצא בזה!"

- מען זעהט דאך - דער רבי לערנט דאך אונז 'וואס הייסט התבודדות', דערמאנט דער רבי דא א ווארט פון קוקן אויף יענעם? אריינווארפן אין דעם התבודדות - אפילו עפעם מינוטן - אויף יענעם?!

דו רעדסט צום אויבערשטן דיבורים, פארוואס רעדסטו פון יענעם? רעד פון זיך! אז דו רעדסט צום אויבערשטן 'אז יענער איז אזוי' - דאס איז דאך געוואלד, פארוואס רעדסטו אזוי פון יענעם? רעד פון זיך!

מענטשן וואס זענען געווארן מקורב און זיי זענען אריינגעפאלן אין דער זאך - זענען נתרחק געווארן, זיי האבן אנגעהויבן צו קאמאנדעווען אויף יענעם, יענעם, יענעם - יענער טויג נישט - און זיי זענען געווארן אראפ אינגאנצן, ער איז געווארן א גארנישט!

וואס האסטו צו יענעם?! דו וועסט אפגעבן דין וחשבון וואס יענער (איז אזוי און אזוי)? וואס האסטו צו יענעם?!

אפילו דער רבי רעדט יא אז מען זאל רעדן מיט מענטשן, אבער נישט מיט דעם (אופן) - אז יענער טויג נישט. רעד מיט אים - מען זעצט זיך אוועק איינער מיטן אנדערן, מען איז זיך מחזק, מען רעדט פונעם תכלית. אבער זאגן 'יענער טויג נישט' - דאס איז קיין ווארט נישט! דאס איז קיין ווערטער!

דאס וויל דער אויבערשטער - מען זאל זיין ערום ביראה![לב] דער אויבערשטער זאל העלפן און שוין.

❖ ❖ ❖

[לב] עי' מס' ברכות דף י"ז ע"א: לעולם יהא אדם ערום ביראה. ופי' רש"י: להערים בכל מיני ערמה ליראת בוראו.

# חטאו בראש, לקו בראש ומתנחמין בראש!

(לומד בליקוטי הלכות מצרנות הלכה ד', שם מבואר המדרש איכה פר' א' פ' נ"ז[לג])

"חטאו בעין ולקו בעין ומתנחמין בעין. חטאו בפה, חטאו באף, חטאו באוזן" - רעכנט ער אלץ אוים (מהמדרש).

- רעדט רבי נתן אין די הלכה דארטן, - ער רעדט דעם 'חטאו' און 'לקו' און 'מתנחמין' - דאס איז אין (הלכות) מצרנות הלכה ד': "וזה שאיתא במדרש איכה: 'חטאו בראש ולקו בראש ומתנחמין בראש'".

רבי נתן גייט ארומטייטשן, וואס איז דער 'חטאו בראש'? דער עיקר חורבן? דער חטא איז געווען, זיי האבן פוגם געווען אין דעם ראש בית, זיי האבן געזאגט: 'נִתנה ראש'! משה רבינו איז דא – און (זיי זאגן) נתנה ראש - מאכן א אנדער ראש[לד].

דער רבי רעדט טאקע אין די תורה[לה] ווייטער, 'תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות', קומט אוים אז עס איז דא א 'ראש בית' און עס איז דא א 'ראש כל חוצות', ביי זיי איז אויך דא א ראש - א ראש איבער אלע חוצות.

---

[לג] וזל"ש במדרש: "כי רבות אנחותי ולבי דוי" - את מוצא שבדבר שחטאו ישראל בו לקו ובו מתנחמים. חטאו בראש ולקו בראש ומתנחמים בראש; חטאו בראש - דכתיב (במדבר י"ד) נתנה ראש ונשובה מצרימה, ולקו בראש - דכתיב (ישעיה א') כל ראש לחלי, ומתנחמין בראש דכתיב (מיכה ב') ויעבר מלכם לפניהם וה' בראשם. חטאו באוזן - דכתיב (זכריה ז) ואזניהם הכבידו משמוע, ולקו באוזן - דכתיב (ש"א ג) אשר כל שמעו תצילנה שתי אזניו, ומתנחמין באוזן - דכתיב (ישעיה ל) ואזניך תשמענה דבר מאחריך לאמר. חטאו בעין - דכתיב (שם ג') כי גבהו בנות ציון ותלכנה נטויות גרון ומשקרות עינים, ולקו בעין - דכתיב עיני עיני יורדה מים, ומתנחמין בעין - דכתיב (שם נ"ב) כי עין בעין יראו בשוב ה' ציון. חטאו באף - דכתיב (יחזקאל ח') והנם שולחים את הזמורה אל אפם, ולקו באף - דכתיב (ויקרא כ"ו) אף אני אלך עמם בקרי, ומתנחמין באף - דכתיב (שם) ואף גם זאת בהיותם בארץ אויביהם וגו'. חטאו בפה - דכתיב (ישעיה ט') וכל פה דובר נבלה, ולקו בפה - דכתיב (שם) ויאכלו את ישראל בכל פה, ומתנחמין בפה - דכתיב (תהלים קכ"ו) אז ימלא שחוק פינו וכו', עיי"ש.

[לד] וזל"ש באות ו': וזה שאיתא במדרש איכה (סוף פ"א) חטאו בראש ולקו בראש ומתנחמים בראש וכו' היינו כנ"ל כי עיקר החטא והחורבן הי' ע"י שפגמו בהראש בית ואמרו נתנה ראש ונשובה מצרימה ועי"ז גרמו כל ראש לחלי וכל לבב דוי וכו' כי החולאת וכל הדוויים וכל הצרות ר"ל הכל ע"י קלקול הד' יסודות ע"י שאין ביניהם שלום ע"י שפגמו בהראש בית וכנ"ל.

[לה] וזל"ש: כי דע, שכל הדורות כולם נמשכין מן הצדיק שהוא הראש, בחינת ראש בית, בחינת הבעל הבית של העולם כנ"ל בבחינת (ישעיה מ"א): "קורא הדורות מראש", שכל הדורות נמשכין מן הראש, דהיינו הצדיק הנ"ל. ואזי כשיש זה הצדיק שהוא הראש בית, אזי יש בחינת 'ראש' ויש בחינת 'בית', ואזי כולנו, דהיינו כל בני הדור, כולם בחינת בני בית. **אבל כשנסתלק ונתעלם זה הראש שהוא הפאר, בחינת שם ה' כנ"ל, אזי מתגברין, חס ושלום, שמות הטומאה של החיצונים**, שזה בחינת המפורסמים של שקר כנ"ל. והם בחינת ראש של הסטרא אחרא, שהוא כנגד ראש הנ"ל דקדושה, בחינת "ראש כל חוצות", שזהו בחינת ראש דסטרא אחרא, בחינת מפורסמים של שקר, בחינת שם הטמאה של החיצונים, חס ושלום, ואזי אין בית, ומתגלגלים בחוצות, חס ושלום. ועל כן נקרא ראש כל חוצות, כי נתעלם, חס

משה רבינו איז דא, ער האט זיי ארויסגעצויגן פון מצרים; און קריעת ים סוף; געגעבן די תורה - זאגן זיי 'נתנה ראש' - אויפנעמען א אנדערן ראש - איז 'חטאו בראש' - איז געווארן 'לקו בראש' - 'כל ראש לחלי'.

וויבאלד אז מען זאגט נתנה ראש - א אנדערן צדיק - א אנדערן ראש - איז כל ראש לחלי - ווערט דער קאפ צוקלאפט אויף שטיקער! ער האט נישט קיין ראש - 'לקו בראש' - אז דער גאנצער ראש ווערט קראנק, דער גאנצער מח ווערט קראנק, עס איז גאר קיין מח נישטא - נישט דאווענען, נישט לערנען - 'לקו בראש', 'כל ראש לחלי'.

ווארום די גאנצע חולאת און אלע וויטאגן און אלע צרות איז אלץ דערפאר ווייל זיי האבן פוגם געווען אינעם ראש בית - נתנה ראש, פוגם געווען אינעם ראש בית.

און דער עיקר נחמה וועט טאקע זיין נאר דורכן ראש - 'ויעבור מלכם לפניהם וה' בראשם' – וה' בראשם דייקא.[לו]

- זיי ווילן דאך א ראש, ניין! דער ראש וואס איר ווילט - דער אויבערשטער איז נישטא ביי דעם ראש (כל חוצות). 'ויעבור מלכם לפניהם' - דער אויבערשטער וועט זיין מיט דעם ראש - 'וה' בראשם', אזא 'ראש' דארפסטו האבן - וואס 'ה' בראשם' - דער אויבערשטער איז מיט דעם ראש!

'ראו כי קרא ה' בשם בצלאל' - דער אויבערשטער איז בשם בצלאל - דאס הייסט וה' בראשם![לז]

'ומתנחמין בראש' - זייער נחמה איז נאר (תלוי) אין דעם ראש, דער חטא איז געווען אין דעם ראש - 'נתנה ראש', יעצט איז 'לקו בראש' - 'כל ראש לחלי', און די נחמה איז נאר 'בראש' - מען מוז זיך אומקערן נאר צו דעם 'ראש'!

---

ושלום, בחינת ראש בית, ואזי אין בית, ומתגלגלים בחוצות, חס ושלום. ועל זה נאמר: "תשתפכנה אבני קודש בראש כל חוצות, בני ציון היקרים המסולאים בפז" וכו' (איכה ד). דהיינו שישראל קדושים מתגלגלים, חס ושלום, 'בראש כל חוצות', כי נסתלק ונתעלם הראש בית, דהיינו הצדיק האמיתי, ונתגבר, חס ושלום, ההיפך, שהוא בחינת שם של הטומאה של החיצונים, בחינת 'ראש כל חוצות' כנ"ל.

[לו] וזל"ש באות ט': ומתנחמים בראש דכתיב ויעבור מלכם לפניהם וה' בראשם שהם בחי' הצדיקי אמת שהם בחי' ראש בני ישראל באמת כי שמו יתב' משותף בשמם בחי' וה' בראשם וכנ"ל.

[לז] ע"פ התורה הנ"ל, וזל"ש: וזה: "ראו כי קרא ה' בשם בצלאל" (שמות ל"ה. ועין זוהר תרומה קנב.) - 'ראו' דייקא, כי על ידי שנתגלה ונתגדל שם בצלאל, על ידי זה 'ראו', כי על ידי זה נפתחין העינים ורואים כנ"ל. וזה: "כי קרא ה' בשם בצלאל", היינו, כי ה' הוא בשם בצלאל, כי שמו משותף בשמנו, ועל ידי זה ראו כנ"ל. כי כח הראות נמשך גם כן מבחינת השם, שהוא בחינת ארבע אותיות, שמשם נמשך תלת גונין דעינא ובת עין כנ"ל.

**קיין אנדער ראש איז נישט אינטרעסאנט, קיין אנדער ראש איז נישטא!**

❖

## מה שקוראים פרשת דברים בשבת חזון

רבי נתן זאגט טאקע דא[לח], אז דער שבת חזון קומט אויס אלץ אין דברים. פרשת דברים גייט אלץ - ער רעדט די גרעניצן פון ארץ ישראל דורך אדום. אידן האבן געקענט אריינגיין אין ארץ ישראל דורך א גלייכער וועג - פארוואס דארפן זיי גייען ארום און ארום?

נאר וואס דען, ווייל זיי האבן פוגם געוועזן אין דעם ראש - ביי די מרגלים - 'נתנה ראש ונשובה מצרימה', האבן זיי שוין נישט געקענט איינגעמען די גרעניצן פון ארץ ישראל, האבן זיי געדארפט גיין ארום און ארום, אלץ ווייל ביי די מרגלים האבן זיי געזאגט 'נתנה ראש'.

[אויב זיי וואלטן נישט געזינדיגט] וואלטן זיי כובש געוועזן די גרעניצן פון אדום, פון עמון און מואב, און דער בית המקדש וואלט נישט חרוב געווארן. דער בית המקדש איז חרוב געווארן אלץ איבער די חטא פון די מרגלים.

מיר האבן געהאט א בית המקדש אבער ער איז חרוב געווארן, זיי האבן דאך געוויינט 'בלילה ההוא'; זיי האבן געוויינט? - וועט איר האבן א לילה פון תשעה באב![לט]

און אינגאנצן - דער חורבן בית המקדש וואס עס איז שפעטער חרוב געווארן, און דאס וואס מען איז געוועזן פערציג יאר אין מדבר איז אלץ געוועזן פון דער פגם פון 'נתנה ראש' - פוגם געוועזן אינעם צדיק - מען וויל א אנדער ראש.

---

[לח] שם, באות ז', וזל"ש: וע"כ קורין פ' דברים תמיד בשבת חזון סמוך לת"ב כי כל פ' דברים מדבר מה שגרמו בעוונותיהם לסבב גבולי א"י ולא יכלו לכנוס בדרך הישר דרך ארץ אדום לכבוש א"י וכל זה מחמת שבעוונותיהם נתנו כח לעיקר המצרים של א"י שהוא אדום ועמון ומואב ולא יכלו לכבוש אלו המצרים רק הוצרכו לסבב הרבה עד שבאו ממזרח לארץ סיחון ושם כבשו המיצר בגודל כחו של משה עיין בפ' דברים שכל הפ' מדבר מזה. כי מתחיל אחד עשר יום מחורב דרך הר שעיר וכו' ומדבר מענין זה שסבבו גבולי א"י ע"י שחטאו במרגלים ואמרו נתנה ראש וכו' ומדבר מזה בכל הסדר כל מה שעבר בזה עד שבאו לארץ סיחון ועוג וכבשום. וכל זה גרם חורבן ביהמ"ק כנ"ל כי אם לא היו חוטאים והי' כובשים המצר של אדום ועמון ומואב לא הי' נחרב הביהמ"ק וכנ"ל. ע"כ קורין פ' זאת בשבת חזון סמוך לת"ב כי עיקר החורבן הי' ע"י שלא כבשו ולא הכניעו אלו המצרים בבחי' כל רודפיה השיגוה בין המצרים כנ"ל:

[לט] כמו שמובא במדרש רבה - במדבר פט"ז, כ': שבכו בליל תשעה באב. אָמַר לָהֶם הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: אַתֶּם בְּכִיתֶם בְּכִיָּה שֶׁל חִנָּם לְפָנַי, אֲנִי אֶקְבַּע לָכֶם בְּכִיָּה לְדוֹרוֹת, וּמִן אוֹתָהּ שָׁעָה נִגְזְרָה עַל בֵּית הַמִּקְדָּשׁ שֶׁתִּתְחָרֵב, כְּדֵי שֶׁיִּגְלוּ יִשְׂרָאֵל לְבֵין הָאֻמּוֹת!

טאקע משה ואהרן זענען נסתלק געווארן ביי די גרעניצן פון ארץ ישראל, 'חורב' און 'הר נבו', דאס איז אלץ די גרעניצן פון ארץ ישראל - דארט זענען נסתלק געווארן משה מיט אהרן'ען[מ].

דער אויבערשטער זאגט טאקע 'ומתנחמין בראש', 'גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם', סוף כל סוף מיטן כח פון משה ואהרן וואס זיי ליגן טאקע ביי די גרעניצן פון ארץ ישראל - איז סוף כל סוף וועט טאקע זיין - וועט טאקע קומען - דער תיקון וועט אויך זיין דורך זיי.

❖

## עיקר החיות והתקוה מכל הצרות

דא כאפט ער אן: 'חטאו באוזן ולקו באוזן'; 'חטאו בעין ולקו בעין ומתנחמין בעין'; 'חטאו באף'; 'חטאו בפה'; 'חטאו בלשון'; 'חטאו בלב'; 'חטאו ביד'; 'חטאו ברגל'; 'חטאו בהוא ולקו בהוא'; 'חטאו בזה ולקו בזה'; 'חטאו באש ולקו באש'.

רבי נתן רעדט ארום אזוי[מא] - דער עיקר פגם וואס אויף דעם דאזיגן איז חרוב געווארן דער בית המקדש, איז וואס זיי האבן פוגם געווען בכבוד הצדיקי אמת!

**'וויבאלד דער 'עיקר החיות והתקוה והישועה והנחמה' פון אלע צרות בגשמיות ורוחניות איז דער צדיק אמת!'** - דאס איז דער ראש בית, ער איז דער 'נהר היוצא מעדן להשקות את הגן'.

'עדן' איז דאך 'עין לא ראתה', דארטן גייט ארויס א נהר - א מין ליכטיקייט גייט ארויס פון דארטן און ער טרינקט אן דעם גן.

---

[מ] שם בליקו"ה, אות ח': וע"כ נסתלקו משה ואהרן על גבולי א"י כי מחמת עוונות ישראל לא יכלו לגמור בחייהם לכבוש אלו המצרים אבל גדולים צדיקים במיתתם יותר מבחייהם וסוף כל סוף יכבשו כל אלו המצרים ע"י שהם נגנזו שם וע"כ דקדקה התורה וביארה במיתת משה ואהרן שהי' בגבול ארץ אדום ובארץ מואב כ"ש במיתת אהרן ויאמר ה' אל משה ואל אהרן בהר ההר על גבול ארץ אדום וכו' יאסף אהרן וכו' וכן במשה כתיב ויקבר אותו בגיא בארץ מואב כי עיקר גניזתם שם הי' מחמת שהם מיצרי הקדושה כי עומדים על גבול א"י שזה עיקר המלחמה לכבוש המצרים הקשים כנ"ל. ע"כ נסתלקו משה ואהרן ונתקברו שם כדי שבגודל כוחם יכבשו גם מצרים אלו, שעי"ז נזכה ליכנוס לארץ ישראל ולכובשה לנו לעולם, בב"א.

[מא] שם באות ט': כי עיקר הפגם שעי"ז נחרב הביהמ"ק הוא מה שפגמו בכבוד הצדיקי אמת וכנ"ל. כי עיקר החיות והתקוה והישועה והנחמה מכל הצרות בגשמיות וברוחניות הוא הצדיק האמת שהוא הראש בית שהוא הנהר היוצא מעדן להשקות את הגן וכו' שממנו חיות וקיום של כל הד' יסודות שהם כלל כל העולם ומלואו.

**- דאס איז דאס חיות פון די אלע ד' יסודות! דאס איז דאס חיות פון די גאנצע וועלט! 'ער איז דער 'פאר' און ער איז דער 'חן', און דער 'יופי' און דער 'הידור' פון די גאנצע וועלט'!**

- זאגט רבי נתן[מב]: אז דו וועסט דארט ארייננקוקן וועסטו זעהן - דער רבי דערמאנט דארטן כמה פרטים מענין קדושת הצדיק - דער 'שם הצדיק'; און דער 'פאר'; דער 'חן'; 'והיופי'; 'וההידור' - כמה לשונות דערמאנט דער רבי פון קדושת הצדיק.

דהיינו, ווער עס איז זוכה צו נכלל ווערן בשם הצדיק - דער שם הצדיק ווערט נקרא עליו, אדער על כל פנים עס גייט כאטש אריין אין דיין הארץ אריין דער שם הצדיק, ער גלויבט כאטש אין אים - ווערט ער נכלל אין דעם 'פאר' און דעם יופי, און דעם חן האמת פון דעם צדיק.

און אז ער ווערט נכלל און דעם יופי ווערט דאך בטל אינגאנצן דער הבל היופי. אז מען ווערט נכלל אין דעם חן אמת ווערט מען דאך ווייט פון חן של שקר, שעל-ידי-כל-זה ווערט אויף אים נמשך קדושת הצדיק, דאס איז דער ראש בית, על-ידי-זה קען ער קוקן אויף זיך וואו האלט ער אין זיינע מידות.

**'דאס איז דער עיקר החיות והתיקון פון כל ישראל בכלל ובפרט איז נאר דורך דער צדיק האמת, וואס ער איז דער ראש בית האמת'.**

❖

# ראו כי ה' נתן לכם את השבת

און דער צדיק - ער איז דער שבת[מג]. דער רבי רעדט ווייטער פון שבת, דער שבת דאס איז דער 'ראו'.

---

[מב] שם: ומבואר שם בהתורה הנ"ל שזה הצדיק הוא הפאר והחן והיופי וההידור של כל העולם וכל מי שנכלל בו מסתכל על עצמו בכל המדות והתאוות הנמשכין מהד' יסודות וכו'. והנה אם תסתכל ותעיין היטב בדברי התורה הזאת תמצא שמזכיר שם כמה פרטים מענין קדושת הצדיק. דהיינו שם הצדיק שהוא השם והפרסום שלו והפאר והחן והיופי וההידור שלו דהיינו מי שזוכה להיות נכלל בשם הצדיק דהיינו ששם הצדיק נקרא עליו או שעכ"פ נכנס בלבו שם הצדיק והוא מאמין בו והוא יקר וחשוב בעיניו ונכלל בהפאר והיופי והחן האמת של הצדיק או שרואה אותו בעיניו וכו', שע"י כל זה נמשך עליו קדושת הצדיק שהוא הראש בית שעי"ז מסתכל על עצמו בכל המדות שהם כלל התורה עד שזוכה לשוב אל ה'. כי עיקר החיות והתיקון של כל ישראל בכלל ובפרט הוא ע"י הצדיק האמת שהוא הראש בית האמת שהוא הנהר היוצא מעדן וכו' שממנו חיות וקיום הכל וכו' כנ"ל.

[מג] שם בליקו"ה: וזה הצדיק הוא בחי' שבת ומאיר להבית המקדש בבחי' ראש בית שהראש בחי' מוחין דהיינו הצדיק מאיר להבית שהוא בית המקדש שהוא בחי' עינים וכו'. וכשפגמו בכבוד הצדיק נתעלם ונסתלק הראש מהבית ועי"ז נחרב

- ביי שבת שטייט: ״׳ראו׳ כי ה׳ נתן לכם את השבת״. ווארום דורך שבת האט מען אויגן אויף צו זעהן[מד].

דער רבי זאגט ווייטער[מה], אז דער בית המקדש אליין, איז נאר די אויגן. דער בלינדער האט אויך אויגן. דעם כח הראות האט ער (טאקע) נישט, אבער אויגן האט דער בלינדער אויך. (אלזא) ווער איז דער כח הראות וואס שיינט אריין אין בית המקדש? דאס איז דער צדיק!

אז זיי האבן מבזה געווען דעם צדיק, האבן זיי דאך מבזה געווען דעם כח הראות! אויגן אליין איז דאך גארנישט. אז אויגן אליין - איז חרוב געווארן! אוים אויגן! א אויג אליין איז גארנישט.

דער כח הראות - דאס איז דער ׳שבת המאיר לבית המקדש׳! ער שיינט אריין אין בית המקדש אריין.

עס איז א געוואלדיגער פגם - משה רבינו איז געווען מיט אונז צוזאמען אין דעם דור, און יציאת מצרים איז געווען דורך משה רבינו, און קריאת ים סוף (איז אויך געווען) דורך משה רבינו, קבלת התורה - דורך משה רבינו - אלעס! א מן - אלעס דורך משה רבינו, זאגט מען נתנה ראש ונשובה מצרימה?! עס איז דאך א געוואלדיגער בזיון, עס איז געוואלדיג פוגם אינעם דאזיגן צדיק, עס איז א געוואלדיגער פגם.

אזוי אויך איז מבואר - אז יעדער איינער וואס ער גייט אוועק פון די עצות פונעם צדיק איז אויך מבזה דעם צדיק, אויך א בזיון הצדיק.

---

הביהמ״ק כי נסתלקו מאורי אור שהוא בחי׳ אור הצדיק והתגברו מאורי אש שהוא בחי׳ פגם וקילקול הד׳ יסודות בחי׳ ענני דמכסיין על עיינין בחי׳ רומי רבתא ורומי דעירתא בחי׳ עשו וישמעאל שהם בחי׳ כלל כל הפגמים שמהם יונקים המנהיגים של שקר בחי׳ ראש כל חוצות וכו׳ כמבואר שם כל זה ע״ש היטב. נמצא שעיקר הפגם הוא ע״י שפגמו בכבוד הצדיק ועי״ז היו כל החורבנות וכל הצרות. ועיקר התקוה והישועה הוא ע״י התקרבות לצדיקים, וכ״ש בהא״ב ביאת המשיח תלוי ברבת הצדיקים!

[מד] וזל״ש בהתורה הנ״ל: וזה בחינת שבת - שין בת. שי״ן - תלת גונין דעינא, ב״ת עין (תיקון ע) - כי ׳שבת שמא דקודשא בריך הוא׳ (זוהר יתרו דף פח:). גם הצדיק הוא בחינת שבת, כמו שכתוב (בזהר נשא דף קמד:): ׳אנת הוא שבת דכולהי יומי׳. וזה: ״ראו כי ה׳ נתן לכם את השבת״ (שמות ט״ז) - ׳ראו׳ דייקא, כי שבת, שהוא שמא דקודשא בריך הוא, הוא בחינת כח הראות, בחינת תלת גונין דעינא ובת עין כנ״ל. ועל כן בכל מקום שנזכר בנין בית המקדש, נזכר שבת, כמו שכתוב (ויקרא י״ט): ״את שבתותי תשמרו, ומקדשי תיראו״. וכן בכל מקום שהזהיר על מלאכת המשכן, הזהיר מקדם על שבת, כי שבת מאיר להבית המקדש.

[מה] בהמשך שם: כי המקדש הוא גם כן בחינת עינים, כמו שכתוב (יחזקאל כ״ד): ״גאון עוזכם, מחמד עיניכם״ (עין בבא בתרא ד). ושבת הוא בחינת הגוונין המאירין במקדש, כי שבת הוא בחינת כח הראות, שהם תלת גוונין דעינא ובת עין, המאירין לבית המקדש שהוא בחינת עינים.

ווי איז א רופא - אז א חולה וויל נישט פאלגן דעם רופא, וועט דער רופא האבן א געוואלדיגן בזיון פון דעם, וואס הייסט? איך בין דאך דיין רופא, איך העלף דאך דיר, פארוואס ווילסטו מיך נישט פאלגן? ער טוט גאר פארקערט וואס ער זאגט אים!

אזוי איז ממש אין 'די' רפואות - ביסטו מקורב צו דעם צדיק? דו ווערסט אנגערופן אויף זיין נאמען? פאלג אים! און אויב עס מאכט זיך א שווערע זאך, בעט דעם אויבערשטן דו זאלסט אים קענען פאלגן!

אז עס איז שווער (אזוי תתפלל:) "רבונו של עולם, דו האסט מיר מקרב געווען צו דעם צדיק - און מיין רפואה הענגט אן אין אים, און מיר דאכט זיך אז עס איז א שווערע רפואה, אפשר בין איך זיך טועה, אפשר איז עס גארנישט אזוי פיל שווער, איך מאך עס שווער, איך מאך עס זאל זיין שווער, עס איז גארנישט אזוי פיל שווער".

אז דאס איז מיין רפואה, רעד איך עס פאר השי"ת! 'דאס איז דאך דער צדיק וואס איך דארף דאך האבן זיין רפואה'.

❖

## ואזניהם הכבידו משמוע

'חטאו באוזן', וואס איז חטאו באוזן? זיי האבן נישט געוואלט הערן דעם צדיק וואס ער זאגט. זיי ווילן נישט עס זאל אריינגיין אין זייערע אויערן אריין דער אמת פונעם צדיק, דאס איז פגם אזנים[מ].

נאך דעם 'ראש' שטייט אין סדר אין דעם מדרש - 'חטאו באוזן' - זיי ווילן נישט עס זאל אריינגיין אין זייערע אויערן די דיבורים פונעם צדיק.

[מ] שם בליקו"ה, וזל"ש: חטאו באוזן וכו' זה בחי' הפגם שפגמו בשם הצדיק כי השם נשמע לאזנים וכשפוגמין בשם הצדיק האמת ואין חשוב בעיניו שמו הקדוש מכ"ש כשמבזין אותו ח"ו זה בחי' פגם האזנים שאינם רוצים להכניס באזנם ולבבם שם האמת של הצדיק האמת אשר שמו יתב' משותף בשמו וכל מה שנתגדל ונחשב שם הצדיק הזה, נתגדל ונחשב ונתפאר שמו הגדול יתב' וכשפגמו בזה פגמו באוזן כ"ש ואזניהם הכבידו משמוע שמכבידין אזניהם מלשמוע דברי הצדיק האמת אשר כל דבריו דברי אלקים חיים וע"כ לקו באוזן ומתנחמין באזן שנא' ואזניהם ישמעו דברי הצדיקי אמת ועי"ז יתתקן הכל!

עס איז א פסוק דא[מז]: 'ואזניהם הכבידו משמוע' - די אויערן האבן זיי געמאכט שווער פון צו הערן זיי זאלן נישט הערן די דברי הצדיק אמת וואס כל דבריו דברי אלקים חיים, דערפאר 'לקו באוזן'.

עס שטייט טאקע[מח]: 'ואזניך תשמענה דבר מאחריך' - ביים סוף וועט זיין אז זיי וועלן דערקענען דעם אמת, און די אויערן וועלן מוזן הערן די 'דברי הצדיקי אמת'.

❖

## חטאו בעין ולקו בעין ומתנחמין בעין

'חטאו בעין ולקו בעין' - [זה בחינת] 'פגם עינים'. מען דארף זעהן דעם צדיק אמת וואס דורך אים ווערן געעפנט די אויגן, און אז מען איז פוגם אין דעם, ווערט פגם הברית, פגם הברית איז פגם עינים.

זאגט ר' נתן מיט דעם לשון[מט]: **אז מען זעהט דעם צדיק - איז גלייך ווי מען זעהט השם יתברך! כי צדיקיא אנפי שכינתא אינון!**

אז מען איז פוגם אין דעם עין פון דעם צדיק - איז מען פוגם אין השם יתברך - ווערט מען געקלאפט, כאפט מען א קלאפ אין די אויגן.

אה, א קלאפ אין די אויגן, די אויגן ווערן קאליע. אז די אויגן קוקן נישט וואו מען דארף איז דאך געוואלדיג.

'ומתנחמין בעין' - מען מוז ווערן געטרייסט נאר דורכן צדיק, 'והיו עיניך רואות את מוריך'! נאר קוקן אין די ספרים!

דער מדרש רעכנט אלץ אוים - אז אויב דער 'חטא' איז געווען אין דעם אבר - דו האסט געכאפט א 'לקו' אין דעם - מוזטו מאכן צוריק נאר דורך דעם אבר!

אז דער צדיק איז דער 'ראש' - מוזטו ווערן צוריק - מוזטו ארויסגיין נאר דורך דעם ראש! אז דער צדיק איז 'אויערן' - מוזטו צוריק צוהערן צו זיינע אויערן - 'שמע דברי

---

[מז] זכרי' ז, יא

[מח] ישעי' ל, כא

[מט] שם: חטאו בעין ולקו בעין וכו' זה בחי' פגם העינים כי צריכין לראות את פני הצדיקי אמת בבחי' והיו עיניך רואות את מוריך וכו' כמבואר שם בהתורה הנ"ל היטב והם פגמו בזה ועי"ז נמשך עליהם פגם העינים של ניאוף, ועי"ז לקו בעין ומתנחמין בעין דכתיב כי עין בעין יראו וכו' כי כשרואין את הצדיק כאלו רואין את השי"ת כי צדיקיא אנפי שכינתא אינון.

**חכמים' - דו מוזט צוריק צוהערן וואס ער רעדט! דו האסט פוגם געווען אין די אויגן? מוזטו זיך צוריק אומקערן צו דער אויג!**

**דו קענסט נישט ווערן בשום אופן אויסגעהיילט נאר דארטן וואו דו האסט פוגם געווען - דארטן מוזטו זיך אומקערן קריק.**

❖

## חטאו בפה...

**ער רעדט ארום איבער דעם חוטם - דער עיקר הידור הפנים איז דאך דער חוטם, און (להיפך) דער חוטם איז דאך קעגן פגם הברית - 'לא תהנה אף'![נ] דער עיקר חיות איז דאך אינעם חוטם[נא].**

❖

**'חטאו בפה' - ווארום דער עיקר התקרבות צום צדיק איז דורכן מויל - אז מען רעדט די דברי תורה פון דעם צדיק! און אז מען רעדט פארן אויבערשטן דיבורים! דער עיקר התקרבות איז דאך נאר דורכן מויל[נב].**

**די אלע אברים וואס ער (המדרש) רעדט אלץ אויס, איז אלץ פגמים וואס איז פוגם אינעם צדיק; ער איז פוגם אינעם צדיק מיט די אויגן; ער איז פוגם אינעם צדיק מיטן מויל - אז דו ביזט געווארן מקורב צו דעם צדיק דארפסטו זייער היטן דעם מויל, רעדן דברי תורה פונעם צדיק, רעדן פארן אויבערשטן דיבורים.**

---

[נ] עי' ליקו"מ תניינא ל"ב: "ודע, שכל אחד ואחד צריך לשמור את בחינת משיח שיש לו. כי כל אחד כפי קדושתו וטהרתו, כן יש לו בחינת משיח, וצריך לשמור מאד, שלא יתקלקל בחינת משיח שלו. ועיקר הדבר שבו תלוי בחינות משיח הוא שמירה מניאוף. כי משיח הוא בחינות חוטם, בבחינות (איכה ד): "רוח אפינו משיח ה'", וניאוף תלוי בחוטם, כמו שכתוב (שמות כ): "**לא תנאף**". ואיתא במדרש (רבה פרשת נשא פרשה י): '**לא תהנה אף**'. וצריך לשמור עצמו מאד אפילו מריח ניאוף, כי הוא פוגם בחינת משיח שלו, שהוא בחינת חוטם כנ"ל".

[נא] וזל"ש: **חטאו באף** שהוא החוטם זה בחי' פגם שפגמו בההידור והחן האמת של הצדיק. כי עיקר החן וההידור הוא בפנים ועיקר הפנים הוא החוטם כ"ש הכרת פניהם ענתה בם זה החוטם (כשרז"ל ומובא בדברי אדמו"ר ז"ל במ"א) כי עיקר החן האמת הוא ע"י הרוח חיים דקדושה שממשיך הצדיק שמשם כל החן וההידור והיופי כמובן שם בהתורה הנ"ל. ועיקר הרוח חיים באפיו וע"כ עיקר הפנים ששם עיקר החן והיופי הוא החוטם כי שם הרוח חיים וכנ"ל. וע"כ כשפגמו בכבוד הצדיק ולא רצו לכלול בן האמת שלו בהפאר והיופי וההידור שלו ע"כ פגמו בחוטם וזהו **חטאו באף ולקו באף ומתנחמין באף** וכנ"ל.

[נב] שם בליקו"ה, וזל"ש: חטאו בפה וכו' כי עיקר ההתקרבות אל הצדיק הוא ע"י הפה שמדברים דברי תורה שמקבלים מנו בפה כי התגלות המוחין שהם שורש הד' יסודות כנ"ל הוא בפה כ"ש מפיו דעת ותבונה וע"כ כשחטאו ופגמו בכבוד הצדיק ולא רצו לדבר בפיהם דברי תורה שגילו הצדיקי אמת ע"כ פגמו בפה וזהו **חטאו בפה** וכו'.

אז ׳חטאו בפה׳, מוז מען נאר ווערן מתנחמין נאר דורכן ׳פה׳.

א מענטש אז ער איז קראנק אויפן מויל, מוז ער ווערן אויסגעהיילט מיטן מויל - אזוי ווי איך בין קראנק אויפן מוח און איך וועל זיך היילן די פיס... (עס גייט נישט אזוי) - דיין מויל איז דאך קראנק - חטאו בפה, איז מתנחמין בפה, דיין נחמה וועט נאר זיין דורכן מויל. נעם זיך צום מויל, און זעה דו זאלסט מיטן מויל פארעכטן.

וואס איז ׳חטאו בפה׳? מען האט נישט גערעדט קיין דברי תורה, מען האט גערעדט דארטן אנדערע דיבורים - איז מתנחמין נאר בפה.

דאס איז אויך א כלל דא, מען זאל דאס גוט וויסן: יעדער איינער ווייסט דאך ביי זיך וואו ער איז צוקלאפט - עס קען נישט ווערן קיין טרייסט נאר אז דו פארעכסט דעם אבר וואס עס איז ביי דיר צוקלאפט, איי דו טוסט מיט א אנדערן אבר (כהוגן), אבער דער אנדערער אבר איז דאך ווייטער קאליע...

❖

דער ענין פון התבודדות איז טאקע א כלליות׳דיגע זאך - מען רעדט טאקע אלעס. אבער מען דארף טאקע ארויסרעדן פארן אויבערשטן יעדער זאך! די התבודדות איז א רפואה פאר אלעם - איז דארף איך טאקע ארויסרעדן.

ביי איינעם - אז דער מויל איז נישט בסדר - דארף איך ארויסרעדן פארן אויבערשטן, ארויסרעדן וועגן דאס מויל! דארף איך דערמאנען אז מיין מויל איז נישט בסדר; מיינע אויגן זענען נישט בסדר; און ווייטער די אויערן (וכו׳).

מוז ער דאך ארויסרעדן וועגן דעם מויל, ארויסרעדן וועגן די אויערן, ארויסרעדן וועגן די אויגן.

- אזוי שטייט טאקע מתנחמין - ווערט מען טאקע געטרייסט דערמיט.

❖

## שבת נחמו

דער שבת הייסט טאקע שבת נחמו, דער אנדערער שבת הייסט ׳שבת נחמו׳.

קומט אוים טאקע - עס ווערט געבראכט דער טייטש[גג] - דער שבת אליין איז א נחמה! מען רעדט דאך דא אז שבת איז דער צדיק - 'אנת הוא שבת דכולהו יומי', ער אליין איז די נחמה.

נאכ'ן חורבן בית המקדש האבן מיר א נחמה אז מיר האבן דעם שבת, און ווער איז דער שבת? 'שבת' איז דער צדיק! 'אנת הוא שבת דכולהו יומי!'

[גג] עי' בליקו"ה שבת ה"ז, י"ח: וזה בחינת שבת נחמו אחר תשעה באב. כי עיקר הנחמה מכל הצרות הכלולין בחורבן בית המקדש הוא שבת שהוא בחינת הצדיק האמת!

## על הטוב יזכרו ידידינו היקרים שיחיו שנדבו למען הוצאת הקונטרס

מוה"ר **מנחם קויפמאן** הי"ו
קרית יואל יצ"ו
לרגל נישואי בנו **יואל אלימלך**
למזל טוב

מוה"ר **זלמן לייב ראזענבערגער** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל הכנסת בנו **אלימלך** לעותומ"צ
למזל טוב

מוה"ר **שמשון צבי פויגעל** הי"ו
וויליאמסבורג יצ"ו
לרגל שמחת הולדת בנו **נתן נטע**
למזל טוב

מוה"ר **זלמן לייב ראזענבערג** הי"ו
מאנסי יצ"ו
לרגל שמחת הולדת בנו
למזל טוב

לעילוי נשמת מו"ה **יעקב הכהן** ב"ר **שמואל** ע"ה
י"ד אייר תשפ"א
תנצב"ה

לעילוי נשמת מרת **רוחמה שרה** ע"ה ב"ר **יצחק** הי"ו י"ב שבט תשע"ט תנצב"ה